# און מיר ,אין דער פרײד..

(װיג-ליד)

פון נחום װײסמאַן.

שלאָף איין ,שלאָף איין
דו קלײנינקע מײן;
קײן לאָמפּן אין שײן –
ניט דערלויבט צו זײן..

װי א שװארצע טויב –
פענצטער און שויב;
אין יעדן הויז –
פינצטערניש בלויז..

אויף גאסן אין שנײ –
סירענע-געשרײ;
אין בוישעך פון נאכט –
עראָפּלאַנען אין שלאכט..

אין פראָסטיקן װינט –
דײן טאַטע -מײן קינד
מיט ביקס שטײט אין האנט
פאר דיר און זײן לאנד..

מאַטאָרן אין זשום
אויף הימלען ארום;
קאַנאָנען אין קראַך
איבערן דאך..

....................
....................
....................
....................

שלאָף איין ,שלאָף איין
דו קלײנינקע מײן;
ניט ציטער אין שרעק –
פון שלאָף זיך ניט װעק..

ניט שטענדיק קאָן זײן
א װעלט גאר אָן שײן;
מאָרגן פאר פרי
װעט זון שוין זײן הי..

און דו אין דער זון
װעסט שטיפן ארום
מיט פרײד אין דײן בליק –
א פולע מיט גליק..

און װארעם װעט זײן דאַ
אין זיגרײכער שאָ;
אין גערטנער דאָ הי –
די רויזן אין בלי..

אװעק װעט די נאכט –
א סאָף צו דער שלאכט;
אויף הימלען ארום
מאָטאָרן אין זשום

מיט פליגל צעשפרײט׳
מיט זוניקער פרײד;
א װעלט װעט דאַן זײן
פול זוניקער-שײן...

און מיר אין דער פרײד –
מיט אָרעמס צעשפרײט
צו דער זוניקער-זון
װאָס װעט שמײכלען ארום...